ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

היכל
תשיעי

קובץ
שלשלת האור

שער
שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

•

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•

## קרח

**(חלק יח — שיחה ד)**

יוצא לאור על ידי מערכת
**„אוצר החסידים״**
770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושתים לבריאה
מאה ועשרים שנה להולדת כ״ק אדמו״ר זי״ע

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע פרשת קורח, (אה״ק) יג-יט סיון; (בכל העולם) כז סיון — ג תמוז, ה׳תשפ״ב (ב)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2022
by

Kehot Publication Society
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

The Kehot logo is a registered trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# קרח ד

א. בשייכות צו דער מצוה פון שמירת מקדש דורך די כהנים און לויים (אויף וועלכער מ׳איז נצטווה געוואָרן אין או־נזער פרשה[1]) – זאָגט די משנה אין אָנהויב מס׳ מדות: בשלשה מקומות הכ־הנים שומרים בבית המקדש כו׳ והלוים בעשרים ואחד מקום כו׳ חמשה על חמשה שערי העזרה כו׳.

אין אַ שפּעטערדיקער משנה[2] שטייט אָבער „שבעה שערים היו בעזרה כו׳" (און מ׳רעכנט זיי אויס בפרטיות) – אַז עס זיינען געווען (ניט „חמשה", נאָר) „שבעה שערים"?

אויף דער קשיא ענטפערט די גמרא[3] צוויי תירוצים: „אמר אביי תרי מינייהו (פון די „שבעה שערים") לא צריכי שימור [און דערפאַר זאָגט דער תנא אַז די שמירה איז נאָר „על חמשה שערי העזרה"]. רבא אמר תנאי היא .. ואיכא תנא דאמר שבעה ואיכא תנא דאמר חמשה הוו".

דער רמב"ם אין יד החזקה[4] ברענגט אַראָפּ פון יעדע משנה׳ס – (א) „ושבעה שערים היו לה"[5], (ב) „והיכן היו הלוים שומרים .. ועל חמשה שערי העזרה" – און איז גלייך מוסיף[6] דעם טעם פאַר־וואָס די שמירה איז נאָר אויף חמשה פון די שבעה שערים: „שהרי הכהנים שומ־רים על שער המוקד ועל שער הניצוץ"[7].

ד. ה. דער רמב"ם לערנט ווי דער תירוץ פון אביי, אַז עס איז ניט קיין פלוגתא צווישן די צוויי משנה׳ס – איז תמוה[8]: פאַרוואָס פסק׳נט דער רמב"ם ווי אביי, ס׳איז דאָך אַ כלל אַז אביי ורבא הלכה כרבא[9]?

ב. אין פירוש המשניות[10] זאָגט דער רמב"ם, אַז דאָס וואָס עס שטייט אין דער משנה „(חמשה על) חמשה שערי העזרה" איז עס „לדעת ת"ק, לפי שיש מן התנאים מי שאמר חמשה שערים היו לעזרה והוא המדבר כאן, ויש מהם שאמר ז׳ והיא דעת רבים .. ולדעת החכמים הי׳ המשמר על חמשה שערים מן השבעה"[11].

איז ניט מובן: דער רמב"ם הויבט אָן צו פאַרענטפערן די סתירה (פון דער שפּעטערדיקער משנה „שבעה שערים היו בעזרה") מיטן תירוץ פון רבא – אַז עס איז אַ פלוגתא פון תנאים („תנאי היא"), און דער תנא פון דער משנה האַלט אַז „חמשה הוו" – און איז מסיים

1) יח, א ואילך. סהמ"צ להרמב"ם מ"ע כב. מל"ת סז. חינוך מצוה שפח. שצא.

2) שם משנה ד׳.

3) תמיד כז, א.

4) הל׳ ביהב"ח פ"ה ה"ד. שם פ"ח ה"ח.

5) ועד"ז כתב בהל׳ כלי המקדש פ"ז הי"ז.

6) הל׳ ביהב"ח פ"ח שם.

7) ועד"ז פי׳ בה„מפרש" תמיד שם ד"ה אמר אביי. וברבינו גרשום, פי׳ הרא"ש, ר"ש (ריש מדות), ועוד – פירשו באופן אחר. וראה משנה למלך להל׳ ביהב"ח פ"ח ה"ד.

8) כמו שהקשה בהר המורי׳ להל׳ ביהב"ח שם. ועוד.

9) ב"מ כב, ב. פרש"י פסחים עו, ב ד"ה אמר לך, ועוד – ראה אנציקלופדיא תלמודית ע׳ הלכה סכ"ו, וש"נ. וראה שם הדעות האם רק כשחולקים בדין כלל הוא או בכ"מ.

10) ריש מדות.

11) ועד"ז פי׳ ברע"ב ריש מדות.

(כשיטת אביי) אַז אויך לויט דעם תנא אַז „שבעה שערים היו בעזרה", איז די שמירה בלויז געווען אויף „חמשה שע־רים (מן השבעה)"?!

מוז מען זאָגן, אַז דער רמב"ם לערנט: אויך לויט רבא וואָס זאָגט „תנאי היא" איז די פלוגתא בלויז אין מספר השערים, אָבער ניט בנוגע דער שמירה אויף די שערים: דער תנא פון דער ערשטער משנה האַלט, אַז עס זיינען געווען נאָר חמשה שערים (ובמי־לא איז די שמירה געווען „על חמשה שערי העזרה"); און דער תנא פון דער צווייטער משנה האַלט (ווי ער זאָגט בפירוש) אַז „שבעה שערים היו בעזרה" – ער איז אָבער מודה, אַז די שמירה איז געווען נאָר אויף חמשה שערים, ווייל „תרי מינייהו לא צריכי שימור" [און אביי האַלט, אַז עס איז ניטאָ קיין מחלוקת כלל און אַלע האַלטן – אַז „שבעה שערים היו בעזרה" און „תרי מינייהו לא צריכי שימור"].

און דערמיט איז פאַרענטפערט פאַר־וואָס דער רמב"ם פסק'נט אַז די שמירה איז געווען אויף „חמשה שערי העזרה . . שהרי הכהנים שומרים וכו'" (ווי דער תירוץ פון אביי), ווייל אויך לויט רבא האַלט אַזוי דער תנא וואָס זאָגט „שבעה שערים היו בעזרה" – און דער רמב"ם פסק'נט ווי דער תנא (ניט ווי דער תנא וואָס האַלט „חמשה הוו"), ווייל דאָס איז „דעת רבים" (ווי ער זאָגט אין פירוש המשניות, כנ"ל).

ג. אָבער דער ביאור איז לכאורה תמוה: וויבאַלד אַז (אויך) לויט רבא איז ניטאָ קיין סתירה צווישן די ביידע ענינים – (א) אַז „שבעה שערים היו בעזרה" און (ב) (פונדעסטוועגן איז) די שמירה (נאָר) „על חמשה שערי העזרה" – וואָס איז דער הכרח פון רבא צו זאָגן „תנאי היא" (ולאפושי מחלוקת), אַז די ערשטע משנה („חמשה על חמשה שערי העזרה") קען ניט אויסקומען ווי דער תנא פון דער צווייטער משנה וואָס זאָגט „שבעה שע־רים היו בעזרה" (ווי אביי זאָגט), נאָר מוז האַלטן אַז „חמשה הוו"?

די תמי' הנ"ל איז נאָך מער בולט אין פירוש המשניות, וואו ער זאָגט ביידע ענינים בחדא מחתא כנ"ל: (א) דער תנא פון דער ערשטער משנה האַלט „חמשה שערים היו לעזרה" (כתירוץ רבא), (ב) אויך די חכמים וואָס זאָגן „שבעה שערים היו בעזרה" האַלטן ש„הי' המשמר על חמשה שערים מן השבעה" –

ולכאורה: וויבאַלד אַז אויך „לדעת החכמים הי' המשמר על חמשה שערים כו'", פאַרוואָס דאַרף מען איינלערנען די משנה „על חמשה שערי העזרה" ווי דער וואָס האַלט „חמשה שערים היו לעזרה", און ניט לויט די חכמים („דעת רבים") וואָס זאָגן ש„הי' המשמר על חמשה שערים כו'" – פונקט ווי דער רמב"ם אַליין לערנט אין ספר יד החזקה[12]?

ד. וועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדים הקושיא אין לשון המשנה „שבעה שערים היו בעזרה כו'": וויבאַלד די משנה רעכנט אויס אַלע שבעה שערים – „שער הדלק וכו'" – צוליב וואָס איז דער תנא מקדים „שבעה

12) ואולי י"ל שדיוק הרמב"ם (והרע"ב) הוא מלשון המשנה „חמשה שערי העזרה" ולא „משערי". וראה שנויי נוסחאות במשניות שם. מלאכת שלמה שם. אבל גם ברמב"ם הל' ביהב"ח פ"ח שם: „חמשה שערי העזרה" ולא „משערי".

שערים כו״, ובלשון הש״ס[13]: מניינא[14] למה לי[15]?

איז דער ביאור אין דעם: דאָס וואָס מיר געפינען כמה דיעות בנוגע דעם מספר השערים אין דער עזרה — ה׳, ז׳, ח׳[16] וי״ג[17] — איז עס ניט קיין פלוגתא אין מציאות — וויפל שערים עס זיינען דאָרט געווען [וואָרום ס׳איז דאָך אַ כלל[18], אַז ס׳איז ניט שייך אַ פלוגתא אין מציאות] — נאָר לכו״ע זיינען דאָרט גע־ווען י״ג שערים (ווי אַראָפּגעבראַכט אין משנה[17]), און די מחלוקת באַשטייט אין דעם: וויפל פון די י״ג שערים האָבן אַ דין שער[19] — ה׳, ז׳, ח׳ או י״ג[20].

און די נפק״מ צווישן די שערים וואָס האָבן אַ דין שער און די אַנדערע שערים איז נוגע צו כמה ענינים אין הלכה, ומהם:

(א) בנוגע צו שמירת המקדש: נאָר די שערים וואָס האָבן אַ דין שער דאַרפן האָבן שמירה[21]. (ב) בנוגע צו ביאת מקדש: ווען מ׳גייט אַריין אין מקדש דורך די שערים וואָס האָבן ניט אַ דין שער, קען מען זאָגן אַז עס איז ניט „דרך ביאה״[22]. (ג) בנוגע צו מזוזה: לולי דעם לימוד[23] „מה בית שהוא חול אף כל שהוא חול יצאו אלו שהן קודש״, וואָלט געווען דער דין[24], אַז דוקא די שערים וואָס האָבן אַ דין שער זיינען מחוייב במזוזה, וכמש״נ וכתבתם על מזוזות ביתך ובשעריך[25].

און דערפאַר איז די משנה מקדים „שבעה שערים היו בעזרה״ — בכדי צו קובע זיין אַז נאָר די זיבן שערים, און

13) שבת סט, א. וש״נ.

14) ראה ג״כ „לקוטים״ למשניות מדות שם מ״ג וד׳ (משושנים לדוד). וראה ג״כ באר שבע לריש תמיד.

15) אף שבדוחק י״ל דמרמז למספר גזברין כו׳ (תמיד כז, א).

16) תמיד שם.

17) מדות פ״ב מ״ו. שקלים פ״ו מ״ג.

18) ראה שד״ח כללים מע׳ המ״ם כלל קסד.

19) ראה עד״ז תוספות כתובות (קו, א ד״ה שבעה) לענין הפלוגתא אם היו ז׳ שערים או י״ג שערים — שאי״ז פלוגתא במציאות, כי אם, אם היו חשובים שיהיו השתחוואות כנגדם. וראה ג״כ פי׳ הרא״ש תמיד שם סד״ה אלמא.

20) בפיה״מ להרמב״ם (שהובא לעיל בפנים): „שיש . . מי שאמר חמשה . . ויש מהם שאמר ז׳ . . ויש מהם שאמר י״ג״. וראה גם ירושלמי שקלים שם: מתניתין אבא יוסה . . ברם כרבנן כו׳. ועפ״י המבואר בפנים שהפלוגתא היא בדין (ולא במציאות) — צריך לומר, שפירוש „ויש מהם שאמר י״ג״ הוא שלכולם הי׳ דין שער.

אבל גם למ״ד שהי׳ דין שער לכל הי״ג שערים, לא היתה שמירה בכולם* (ומה שהי׳ להם דין שער הוא רק לענין השתחוואה), כמ״ש בפי׳ הרא״ש שבהערה הקודמת. אבל ראה מהרש״א כתובות שם.

*) ועפ״ז מובן מה שבתמיד שם אינו מביא דיעה זו. וראה תוס׳ כתובות שם. פי׳ הרא״ש שם.

21) ראה פי׳ הרא״ש תמיד כו, ב (ד״ה הא כיצד): ומדקרי להו שערים אלמא גדולים היו וצריך כל חד מינייהו שישמור לחודי׳.

22) ראה שבועות יז, ב: דרך ביאה אסרה תורה. וראה מנחות כז, ב.

23) יומא יא, ב. וראה שם, רע״א: „כל השערים כו׳ לא הי׳ להם מזוזה חוץ משער ניקנור כו׳״ (וברמב״ם הל׳ מזוזה פ״ו ה״ו: חוץ משער נקנור ושלפנים ממנו).

24) הטעם שהובאה נפקותא זו — אף שלמסקנת הש״ס אינה במזוזה מפני שהוא בקדש — הוא בקשר לההתעוררות על מבצע מזוזה, שבתקופה זו יש לו חשיבות מיוחדת כמדובר כמ״פ.

ועוד ועיקר — נפק״מ בפועל כשבונה בית וחומות צורת מקדש וחומות שלו (אלא שמשנה בקומתו וכיו״ב — שמעכב במקדש (ולכן מותר לבנותו) ואינו שייך לחיוב מזוזה).

25) ראה תשובת הרמב״ם (נעתקה בכס״מ להל׳ מזוזה שם ה״ה) שעיקר המצוה לא תלה אותה אלא בשער כו׳. וראה תשובת ר״א בן הרמב״ם בס׳ ברכת אברהם סי׳ מא.

ניט די אַנדערע, האָבן דעם גדר ודין שער[26].

[ועוד י״ל: ע״ד ווי חז״ל[27] זאָגן אויפן פסוק[28] „שש ערי מקלט תהיינה" — „עד שיהיו ששתן קולטות כאחת" — אַזוי איז אויך בעניננו: מיט דעם יתור לשון „שבעה שערים היו בעזרה" איז די משנה מרמז, אַז די אַלע שערים זיינען איין מציאות, און אויב ס'איז ניטאָ דער פולער מספר פון זיבן שערים, איז אויף זיי ניט חל דער דין פון שער העזרה — דצריך שמירה וכו'].

ה. ועפ״ז: דאָס וואָס רבא זאָגט „תנאי היא", מיינט ער ניט אַ פלוגתא אין מציאות (וויפל שערים עס זיינען געווען לפועל) נאָר די פלוגתא איז — וויפל פון די שערים האָבן אַ דין שער:

דאָס וואָס דער תנא פון דער ערשטער משנה זאָגט אַז די שמירה איז געווען נאָר „על חמשה שערי העזרה" — הגם אַז לפועל זיינען געווען י״ג שערים — איז ווייל לשיטתו האָבן נאָר די חמשה שערים געהאַט אַ דין שער [און „חמשה הוו" מיינט — שערים, מיט אַ דין שער];

אָבער דער תנא פון דער צווייטער משנה, וואָס זאָגט „שבעה שערים היו בעזרה", ער האַלט אַז שבעה (פון די י״ג שערים) האָבן אַ דין שער, ובמילא — איז אויף זיי אַלע פאַראַן אַ חיוב שמירה; און דאָס וואָס די שמירה איז געווען בלויז „על חמשה שערי העזרה" איז ווייל „תרי מינייהו לא צריכי שימור", וואָס דאָס מיינט [ניט אַז זיי זיינען ניט מחוייב אין שמירה, נאָר] — ווי דער רמב״ם איז מסביר — „שהרי הכהנים שומרים על שער המוקד ועל שער הניצוץ". ד. ה. די צוויי שערים זיינען שוין „שמורים" דורך די כהנים.

ו. דערמיט ווערט אויך מוסבר דאָס וואָס מ'קען פרעגן אויפן לשון הנ״ל פון רמב״ם (אין ספר יד החזקה): „(ועל חמשה שערי העזרה . .) שהרי הכהנים שומרים על שער המוקד ועל שער הניצוץ":

די שמירה פון די כהנים איז דאָך ניט געווען ביים שער המוקד און שער הניצוץ, נאָר „בבית הניצוץ ובבית המוקד", ווי עס שטייט אין משנה[29] (און דער רמב״ם אַליין ברענגט עס מיט עטלעכע הלכות פריער[30]) — היינט פאַרוואָס איז דער רמב״ם משנה און שרייבט „על שער[31] המוקד ועל שער הניצוץ"?

לפי הנ״ל איז דאָס פאַרשטאַנדיק: דערמיט איז דער רמב״ם מדגיש, אַז אויך די צוויי שערים האָבן אַ דין שער, ובמילא — זיינען זיי מחוייב אין שמירה.

26) עד״ז יש לתרץ מניינא דמשנה ג' „חמשה שערים היו להר הבית". אבל עפמ״ש במנ״ח (מצוה שסג) דהדין ד„דרך ביאה" הוא רק במקדש ולא בהר הבית — נפק״מ זו (דלעיל בפנים) אינה בשערים דהר הבית.

ומניינא דמשנה א' — „בג' מקומות כו' כ״א מקום כו'", ובמשנה ד' — „ג' בצפון וג' בדרום וא' במזרח", ועוד — י״ל כי מקראי ילפינן רק שצ״ל שמירה בכו״כ מקומות, שכהנים ולוים בנפרד (תמיד כו, א) וכמה בצפון וכו' (תמיד כז, א) — ולהעיר משינוי הסדר במשנה להסדר בקרא (דה״א כו, יז). ולהעיר משו״ת צ״צ חאו״ח סס״ז.

27) מכות ט, ב במשנה.

28) מסעי לה, יג.

29) ריש תמיד ומדות.

30) ה״ה.

31) במדות שם מ״ה „שלישי לו בית המוקד". אבל עדיין קשה שינוי הלשון ברמב״ם. ובמלאכת שלמה (מדות שם) מביא גירסא „שער בית המוקד" וכותב ע״ז: „כך מצאתי כו' והנאני".

און דאָס וואָס די לויים זיינען ניט שומר אויף זיי, איז ווייל דורך דער שמירה פון די כהנים „בבית הניצוץ ובבית המוקד" זיינען זיי שוין בדרך ממילא „שומרים על שער[32] המוקד ועל שער הניצוץ".

ד. ה. אין דעם דין שמירה בבית המוקד ובבית הניצוץ זיינען פאַראַן צוויי דינים: א) דער חיוב שמירה מצד דעם „בית" (אַזוי ווי בית אבטינס) — וואָס דאָס איז שייך צו די כהנים; ב) מצד די „שערים" וואָס איז אין זיי — וואָס דאָס איז שייך (בעיקר) צו די לויים, נאָר וויבאַלד אַז דורך דער שמירה פון די כהנים בבית המוקד ובבית הניצוץ איז בדרך ממילא פאַראַן שמירה (אויך) אויף שער המוקד ושער הניצוץ, האָבן די לויים זיין שוין ניט געדאַרפט היטן[33].

ז. עפ"י כהנ"ל איז מובן פאַרוואָס (רבא — און) דער רמב"ם אין פירוש המשניות לערנט, אַז דער תנא (פון דער ערשטער משנה) וואָס זאָגט „חמשה על חמשה שערי העזרה" האַלט ניט ווי דער תנא אַז „שבעה שערים היו בעזרה" — הגם אַז אויך לויטן צווייטן תנא איז די שמירה געווען נאָר אויף „חמשה שערים מן השבעה":

אין אָנהויב פון דער משנה רעדט דער תנא וועגן די אַלע מקומות וואו די כהנים און לויים האָבן געדאַרפט היטן, וז"ל המשנה: „בשלשה מקומות הכהנים שומרים בבית המקדש בבית אבטינס בבית הניצוץ ובבית המוקד והלויים כו' חמשה על חמשה שערי העזרה".

ד. ה. דער תנא דערמאָנט נאָר וועגן דער שמירה (דורך די כהנים) „בבית הניצוץ ובבית המוקד", און דערנאָך ווען ער רעדט וועגן דער שמירה דורך די לויים אויף די שערים פון דער עזרה, זאָגט ער „על חמשה שערי העזרה" — היינט אויב מ'זאָל זאָגן אַז דער תנא האַלט „ז' שערים היו בעזרה" און די שמירה איז נאָר אויף „ה' שערי העזרה" ווייל „תרי מינייהו לא צריכי שימור", וועט אויסקומען, אַז ער דערמאָנט אינגאַנצן ניט (אפילו ברמז) וועגן דעם חיוב שמירה וואָס איז דאָ אויף שער הניצוץ ושער המוקד;

ועוד וג"ז עיקר: וויבאַלד מ'קאָן לערנען אַז תנא דוקא קאמר[34] ופירש דבריו[35] — זאָגט מען דאָך ניט אַז עס איז לאו דוקא וסתום וכו'.

און דערפאַר לערנט [רבא — און] דער רמב"ם אַז דער תנא האַלט אַז „חמשה שערים היו לעזרה" — בלויז חמשה שערים האָבן אַ דין שער און זיינען מחוייב אין שמירה[36].

32) וצע"ק דהא „כהן שעבד עבודת לוי ה"ז בל"ת" (רמב"ם הל' כלי המקדש ספ"ג).

33) ועצ"ע במשנה מדות פ"א מ"ה „והלויים מלמטן" דלא כפיה"מ (מ"א) ודלא כבהל' ביהב"ח (פ"ח ה"ח) ודלא . . . כאביי! והרמב"ם לא הביאו. וראה משנה למלך הל' ביהב"ח פ"ח ה"ד. ועוד. ויש להאריך בכ"ז. ואכ"מ.

34) תה"ד הובא בט"ז שו"ע או"ח סשי"ט סק"ב.

35) ראה דרכי שלום כללי הש"ס סי' שכ מתוד"ה יבמות כז, א. ועד"ז אפילו בנוגע לתושב"כ ראה רש"י ויקרא כא, לד: לא בא הכתוב לסתום אלא לפרש.

36) ושער הניצוץ והמוקד — או שאין להם דין שער ופטורים משמירה, או שנכללים ב„חמשה על חמשה שערי העזרה" והלויים שומרים שם (ולא שנפטרים ע"י שמירת הכהנים). וראה פי' הרא"ש תמיד כז, א ד"ה על ה' שערי העזרה וד"ה אלמא. משנה למלך שם. ואכ"מ.

**און דעריבער, אין ספר ה"יד", וואו דער רמב"ם זאָגט דעם פּסק הלכה** (ווי **די "דעת רבים") אַז "שבעה שערים היו לה" – איז ער מדייק, אַז דאָס וואָס די שמירה איז נאָר "על** חמשה **שערי העזרה", איז ווייל די שמירה פון די כהנים איז** (**ניט נאָר "**בבית **הניצוץ** ובבית **המוקד" – ווי די דיעה פון ת"ק – נאָר, בדרך ממילא, אויך**) **"על** שער **המוקד ועל** שער **הניצוץ"**.

(משיחת ש"פ דברים תשל"ו)